**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/22/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהייב פון 67 מיליאן דאלערדיגע רעהאביליטירונג פון צוגענגליכע האוזינג דעוועלאפמענט אין יוטיקע**

***קאנסטרוקציע אונטערוועגנס ביי 'אלביסטאן אַפּאַרטמענטס'***

***רענאוואציעס פון 124-יעריגע נאכגעלאזטע אפארטמענט געביידע וועט שאפן 153 מאדערנע און צוגענגליכע וואוין-ערטער***

***אָפּגרעידס וועלן איינגלידערן ענערגיע-גינציגקייט מאסנאמען אויף צו באזארגן געזונטע, זיכערע היימען און גלייכצייטיג אנהאלטן די געביידע'ס היסטארישע כאראקטער***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז 67 מיליאן דאלערדיגע רעהאביליטירונג און מאדערניזירונג פון 'אלביסטאן אַפּאַרטמענטס' אין דער שטאט יוטיקע איז איצט אונטערוועגנס. די היסטארישע אנטוויקלונג וועט דורכגיין ברייטע רענאוואציעס נאכדעם וואס דער שטאט יוטיקע האט עס פארשלאסן פאריגעס יאר צוליב ערנסטע זיכערהייט זארגן ביי דער 124-יעריגער געביידע. די איבער-אויסגעשטעלטע געביידע וועט אנטהאלטן 153 זיכערע, ענערגיע-שפארעוודיגע צוגענגליכע דירות.

"דאס אויפריכטן 'אלביסטאן אַפּאַרטמענטס' איז א ביישפיל פון וויאזוי מיר קענען אויסמאכן אין די לעבנס פון ניו יארקער ווען מיר ארבעטן אלע אינאיינעם צו ערזעצן נאכגעלאזטע געביידעס מיט זיכערע און צוגענגליכע היימען," **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** "רענאוואציעס צו די 'אלביסטאן אַפּאַרטמענטס' וועט ראטעווען א היסטארישע בריליאנט שטיין און אנהאלטן א קריטיש-וויכטיגע סופליי פון צוגענגליכע האָוזינג, און גלייכצייטיג אויך אונז העלפן דערגרייכן אונזער ציל פאר גרינע, שטאנדהאפטיגע געביידעס און מער לעבהאפטע דאונטאון געגנטער."

'אלביסטאן אַפּאַרטמענטס' איז א טייל פון גאווערנער האוקול'ס גאנץ-סטעיט'יגע פלאן צו מאכן האָוזינג מער צוגענגליך, יושר'דיג, און סטאביל. אין דעם לעצטנס-דורכגעפירטן סטעיט בודזשעט, האט דער גאווערנער מיט ערפאלג געשאפן א נייע 25 ביליאן דאלערדיגער, פינף-יעריגער גרונטליכער האָוזינג פלאן וואס וועט העכערן האָוזינג סופליי דורך שאפן אדער אפהיטן 100,000 צוגענגליכע שטובער לענגאויס ניו יארק, אריינגערעכנט 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר מער-אומבאהאלפענע טיילן פון דער באפעלקערונג, אינאיינעם מיט די עלעקטריזירונג פון נאך 50,000 וואוינונגען.

דער ראמאנעסק ריווייוועל סטייל געביידע האט זיך ארגינעל געעפנט אין 1898 אלס דער גרעסטער אפארטמענט געביידע אין אָפּסטעיט ניו יארק און איז שפעטער צוטיילט געווארן מערערע מאלן דורכאויס דער 20'סטע יארהונדערט. ביז די 1970'ער, האט דער געביידע אנגעהויבן נאכגעלאזט צו ווערן און איז נאכגעלאזט געווארן אויף ווייטערדיגע פארפוילונג. אין 2021, זענען איינוואוינער עוואקואירט געווארן נאך אן אינספעקציע האט אנטפלעקט אומזיכערע אומשטענדן אין דער געביידע אריינגערעכנט ברייטע

וואסער שאדן אויף די אויבערשטע שטאקן צוליב א געשעדיגטע דאך, צובראכענע פענצטער, פייער סיסטעמען וועלכע האבן נישט געארבעט ווי עס דארף צו זיין, און אנדערע קאָוד פארלעצונגען.

די פון-אינעווייניג איבערגעבויטע רעהאביליטירונג וועט ווידער אויסשטעלן און מאדערניזירן אלע דירות אין דעם קאמפלעקס און גלייכצייטיג אנהאלטן די געביידע׳ס היסטארישע כאראקטער אריינגערעכנט ארגינעלע, יארהונדערט-אלטיגע מארמויערשטיין פאדלאגעס און אויסגעצירטע הילצערנע איינצלהייטן אין געמיינזאם ערטער.

ווען פארענדיגט, וועט די ׳אלביסטאן אַפּאַרטמענטס׳ אנבאטן 34 סטודיאָ דירות, 87 איינציג-שלאפצימערדיגע דירות, און 32 צוויי-שלאפצימערדיגע יוניטס, מיט נייע אויסריכטונגען אין אלע דירות, א 1,500 סקווער-פיסיגע קאמיוניטי ארט, א נייע דאך דעק, אויפ׳ן-ארטיגע לאָנדרי איינריכטונגען, סטאָרעדזש ערטער אין דער גאנצער געביידע, און אינדרויסנדיגע גרינע-נאטור ערטער. אלע 153 דירות וועלן זיין צוגענגליך פאר הויזגעזינדער וועלכע פארדינען מערסטנס 80 פראצענט פון דורכשניטליכע פארדינסטן אין דעם געגנט.

די געביידע׳ס איבער-אויספלאנירונג וועט דערגרייכן ׳ענערדזשי סטאַר׳ און ׳ענטערפרייז גרין קאמיוניטיס׳ באשטעטיגונגען דורך אויסניצן עטליכע ענערגיע-שפארעוודיגע מאסנאמען, אריינגערעכנט א נייע דאך איבערדעק מיט מער אינסולעישען, קאלטע קלימאט הייצונג פאמפס מיט הויכע ענערגיע-גינציגקייט שעצונגען פאר הייצונג און קילונג פאר אלע דירות, א צענטראליזירטער הייסע וואסער סיסטעם צוגעשטעלט דורך 98 פראצענט גינציגקייט בוילערס, LED באלייכטונגען אין דער גאנצער געביידע, און ׳ענערדזשי סטאַר׳ געשאצט אדער ענליכע אויסריכטונגען. דער דעוועלאפער פאר דעם פראיעקט איז ׳ליבערטי אפארדעבל האָוזינג אינק.׳

׳אלביסטאן אַפּאַרטמענטס׳ געפונט זיך בלויז איין מייל דרום-מערב פון דער שטאט׳ס דאונטאון צענטער. דער קאמפלעקס איז אויף ארטיגע באס ליניעע און איז נעבן א גראסערי סטאר, א פארמאסי, מעדיצינישע איינריכטונגען, דעי-קעיר צענטערס, און א פובליק לייברערי.

פינאנצירונג פאר ׳אלביסטאן אַפּאַרטמענטס׳ רעכענט אריין 4.8 מיליאן דאלאר אין קביעות׳דיגע שטייער-גע׳פטר׳טע באנדס, סטעיט און פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג שטייער קרעדיטס וועלכע וועלן אויפטרייבן 22 מיליאן דאלאר אין באזיצערשאפט, און 16.3 מיליאן דאלאר אין סאבסידי פון ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳. די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג האט געשאנקען פעדעראלע און סטעיט שטייער קרעדיטס וועלכע וועלן אויפטרייבן 13.4 מיליאן דאלאר אין באזיצערשאפט. די שטאט יוטיקע באזארגט 3 מיליאן דאלער פון דער יוטיקע אויפבליאונג איניציאטיוו. נאך פינאנצירונג ווערט צוגעשטעלט דורך אן אפגעלייגטע דעוועלאפער אפצאל.

**׳האוזינג ענד קאמיוניטי ריניועל׳ קאמיסיאנערין רוט-ענע וויסנאוסקאס האט געזאגט,** ״אינוועסטירן אין אונזער סטעיט׳ס עקזיסטירנדע האָוזינג זאפאסן איז א נייטיגע באשטאנדטייל פון דערגרייכן די צילן באשטימט דורך גאווערנער האוקול׳ס האָוזינג אגענדא.  ניו יארק׳ס אינוועסטירונג און צוזאמארבעטשאפט מיט דער שטאט יוטיקע און ׳ליבערטי אַפּאָרדעבל האָוזינג׳ וועט צוריקדרייען יארן פון אומפארוואלטונג און אומקערן די ׳אלביסטאן אַפּאַרטמענטס׳ צו איר ארגינעלע שטאנד אלס א ערליכע, זיכערע און באקוועמע פלאץ צו וואוינען. ווען רענאוואציעס זענען פארענדיגט, וועט די 124-יעריגע געביידע אנבאטן 153 מאדערנע היימען אין א שטאנדהאפטיג אויספלאנירטע געביידע וואס וועט זיין א טובה פאר דער יוטיקע קאמיוניטי פאר פילע קומענדיגע דורות און ביישטייערן צו גרינערע ניו יארק פאר יעדן. מיר זענען דאנקבאר צו דער שטאט יוטיקע און ׳ליבערטי אַפּאָרדעבל האָוזינג׳ פאר זיך אריינמישן

און ארבעטן מיט HCR צו ראטעווען א וויכטיגע קוואל פון צוגענגליכע האָוזינג און צושטעלן פאר יוטיקע איינוואוינער די הויכע קוואליטעט וואוין-ערטער וואס קומט זיך זיי.״

**קאמיסיאנער פון דעם אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג עריק קולעסייד האט געזאגט,** ״די ׳אלביסטאן אַפּאַרטמענטס׳ פראיעקט ווייזט ווי היסטארישע אפהיטונג בלאזט אריין א נייע חיות אין שטעט ווי יוטיקע. דער היסטארישער שטייער קרעדיט פראגראם ציעט ווידער-אינוועסטירונג אין היסטארישע סטרוקטורן, וועלכס העלפט הייבן ארטיגע עקאנאמיעס, פארברייטערן האָוזינג, מוטיגן שטאנדהאפטיגקייט און אפהיטן די היסטאריע פון אונזערע שטעט און טאונס.״

**סטעיט סענאטאר דזשאו גריפא האט געזאגט,** ״עס פריידט מיך אז דער ׳אלביסטאן אַפּאַרטמענטס׳ אין יוטיקע, אמאל גערעכנט די העכסטע מאס לוקסוס און עלעגאנץ אבער נאכגעלאזט במשך די צייט, וועט ווערן אינגאנצן איבערגעבויט, רעהאביליטירט און געגעבן א נייעם לעבן. דער פראיעקט וועט פארזיכערן אז דער היסטאריש מערקווירדיגער פּראָפּערטי בלייבט אין דער קאמיוניטי און אז יוטיקע איינוואוינער און פאמיליעס ווערן צוגעשטעלט מיט נאך זיכערע, אפגעהיטענע און צוגענגליכע האָוזינג אפציעס.״

**אניידע קאונטי עקזעקיוטיוו אנטאני דזשעי. פיסענטע דזשוּניאר האט געזאגט,** ״די ׳אלביסטאן אַפּאַרטמענטס׳ זענען אן קביעות׳דיגע טייל פון דער רייכע היסטאריע פון יוטיקע און עס פריידט מיך אז דער געביידע וועט ווערן אפגעהיטן פאר צוקונפטיגע דורות. עס איז אנטוישנד געווען צו זען ווי אומגעוואונשן עס איז נאכגעלאזט געווארן און די וואוינונגס אומשטענדן פון אירע איינוואוינער זענען געווען אומדערטרעגליך. אניידע קאונטי האט געהאט א חלק אין העלפן די איינוואוינער דורכאויס דער שווערער צייט, און עס פריידט מיך אז דורך סטעיט און ארטיגע פינאנצירונג וועט דער ׳אלביסטאן׳ ווערן צוריק אויפגעראכטן צו איר געוועזענעם פראכט.״

**יוטיקע מעיאר ראבערט פאלמיערי האט געזאגט,** ״דער ווידער-אנטוויקלונג פון די ׳אלביסטאן׳ איז א גאר גוטע ביישפיל פון ערפאלגרייכע פובליק-פריוואטע צוזאמענארבעטשאפטן. צוליב ערנסטע פארנאכלעסיגונג און אוממענטשליכע לעבנס אומשטענדן, האט דער שטאט פארשלאסן דער ׳אלביסטאן׳ אין 2021. די שטאט האט צוגעשטעלט מערקווירדיגע פינאנצירונג דורך דער יוטיקע בליאונג איניציאטיוו, און דורך ארבעטן אינאיינעם מיט גאווערנער האוקול׳ס אפיס און ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳, טוט ׳ליבערטי אַפּאָרדעבל האָוזינג׳ צוריק אויפלעבן דער ׳אלביסטאן׳ און אפהיטן איבער 150 דירות פון צוגענגליכע האָוזינג. איך דאנק אלע צוזאמארבעטער אזוי ווי דאס איז א געווינס פאר יעדן פאר אונזער גאנצער קאמיוניטי.״

**אסעמבלי-מיטגליד מעריען בוטענשאן האט געזאגט,** ״אין א צייט ווען האָוזינג קאסטן זענען גאר הויך, דערמוטיגט עס צו זען דאס שאפן 153 צוגענגליכע אַפּאַרטמענטס אין דאונטאון יוטיקע. די רעהאביליטירונג פון דער היסטארישער ׳אלביסטאן אַפּאַרטמענטס׳ איז א פראיעקט איבער וועלכן מענטשן אין די מאוהאק וואלי קענען זיך זייער שטאלצירן. עס פריידט מיך צו זען אז ווי מער ארכיטעקטורעלע עלעמענטן מעגליך וועלן בלייבן אין פלאץ אויף דער היסטארישער געביידע. העכערן יוטיקע׳ס זאפאסן פון צוגענגליכע האָוזינג איז אומגעהויער וויכטיג אזוי ווי פאמיליעס ווערן אנגעלאדנט מיט שטייגנדע אינפלאציע וואס לייגט שטארקע דרוק אויף אונזערע קעשענעס.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418